# 2טע קאָנפֿערענץ פֿאַר אוניווערסיטעט־לערערס פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור

דעם 11טן יולי 2004, ניו־יאָרק

**פֿרעגבויגנס פֿאַר די גרופּע־סעסיעס**

אויף די ווײַטערדיקע זײַטן ברענגען מיר די שאלות וואָס זײַנען שײַך די דרײַ שמועסטעמעס וואָס מע וועט אַרומרעדן אויף דער קאָנפֿערענץ.  אַזוי ווי די גרופּע־סעסיעס זײַנען אַן עיקר פֿון דער קאָנפֿערענץ, בעטן מיר איר זאָלט זיך גוט צוגרייטן אין פֿאָרויס. זײַט אַזוי גוט און טראַכט זיך גוט אַרײַן אין אײַערע ענטפֿערס און אין דעם מאַטעריאַל, וואָס איר וועט זיך דערמיט טיילן מיט אײַער גרופּע.

<u>וועגן די גרופּעס</u>

1. יעדער באַטייליקטער וועט געהערן צו איין גרופּע אויף דער קאָנפֿערענץ.

2. יעדער גרופּע וועט אַרומרעדן אַלע דרײַ טעמעס לויטן צײַטפּלאַן. ד"ה, אַלע וועלן אַרומרעדן די זעלבע טעמע אין דער זעלבער צײַט.

3. מיר וועלן באַשטימען די גרופּעס אין די קומעדיקע וואָכן, און אײַך געבן צו וויסן אין וועלכער גרופּע איר געפֿינט זיך. מיר וועלן זיך באַמִיען אויסצוטיילן די גרופּעס כּדי יעדער זאָל אַרײַננעמען אַ געמיש פֿאַרשיידענע מענטשן, גענײטשאַפֿטן, און טאַלאַנטן.

4. מיר מוטיקן אײַך, איר זאָלט זיך שטעלן אין פֿאַרבינדונג מיט אײַער גרופּע באַלד ווי איר דערוויסט זיך אין וועלכער גרופּע איר זײַט.

# 2טע קאָנפֿערענץ פֿאַר
# אוניווערסיטעט־לערערס
# פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור
דעם 11טן יולי 2004, ניו־יאָרק

**ערשטע סעסיע: שפּראַך־לימוד**
**פֿרעגבויגן פֿאַר דער ערשטער סעסיע: שמועס־לערערײַ**

1. וואָס איז דער ציל פֿון דעם שמועס־קלאַס בכלל?
וואָס זײַנען די ספּעציפֿישע צילן לויט די געוויסע מדרגות פֿון די קלאַסן?

2. וואָס זײַנען אופֿנים אַרײַנצופֿירן נײַעם וואָקאַבולאַר?

3. ווי אַזוי מײַדט מען אויס טועתן און פֿאַרפֿעסטיקט מען אַן אָפּגעהיטע ריידשפּראַך מיט אַ פֿאַרברייטערטן ווערטער־אוצר?

4. ברענגט מיט אַ מוסטער פֿון אײַער שמועס־לערערײַ, אַ דיאַלאָג, אַ סקיצע, געניטונג, אד"גל, און זײַט גרייט אים פֿאָרצושטעלן במשך נישט מער ווי פֿינף ביז זעקס מינוט.

# 2טע קאָנפֿערענץ פֿאַר
# אוניווערסיטעט־לערערס
# פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור
## דעם 11טן יולי 2004, ניו־יאָרק

**פֿרעגבויגן פֿאַר דער צווייטער סעסיע: ווי לערנט מען דאָס צווייטע יאָר ייִדיש?**

פֿון וואַנען שאַפֿט מען מאַטעריאַלן? וואָס זאָל זײַן דער אופֿן פֿון שאַפֿן אַ פּראָגראַם פֿון גראַמאַטיק?

א. מע גייט נאָך אַ געוויסן טעקסט.
ב. מע נעמט גראַמאַטישע טעמעס פֿון אַ פּאָר טעקסטן און באַאַרבעט זיי.
ג. מע נוצט די טעמעס פֿון ייִדיש־לערנביכער ווי אַ מוסטער און שאַפֿט נײַע געניטונגען און טעקסטן.
ה. מע נעמט לייענוואַרג און פּאַסט צו זיי צו גראַמאַטישע טעמעס.
ו. אַנדערע צוגאַנגען.

2. ווי אַזוי זאָל מען צופּאַסן טעקסטן צו גראַמאַטיק?

3. ווי אַזוי האַנדלט מען אַז מע האָט סטודענטן אויף פֿאַרשיידענע מדרגות?

4. בעל־פּה־אַקטיוויטעטן: וואָס טוט מען כּדי די סטודענטן זאָלן ניצן וואָס מען לערנט זיי אין זייער ריידשפּראַך? (חזרן געניטונגען אויף אַ קול איז ניט גענוג!) ברענגט מיט איין מוסטער פון אַן אַקטיוויטעט, פון וואָסער מין זאָל ניט זײַן, וואָס זאָל אַקטיוויזירן דעם לימוד בײַ די תּלמידים אין זייער שפּראַך. ניצט נישט מער ווי פֿינף ביז זיבן מינוט.

# 2טע קאָנפֿערענץ פֿאַר אוניווערסיטעט־לערערס פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור

דעם 11טן יולי 2004, ניו־יאָרק

**פֿרעגבויגן פֿאַר דער דריטער סעסיע: וואָס איז די שײַכות צווישן ייִדיש און ייִדישקייט?**

1. וועלכן פֿון די ייִדישע יום־טובֿים וואָלט איר געלערנט אין קלאַס? וואָס איז אײַער ציל, ווען איר לערנט וועגן אַ יום־טובֿ? ווי אַזוי איז אײַער צוגאַנג אָפּהענגיק אין דער געוויסער גרופּע סטודענטן? גיט אָן ראָשי־פּרקים פֿון אַ לערנפּלאַן פֿאַר איין קלאַס, און דערקלערט אײַער צוגאַנג.

2. וואָס פֿאַר אַ אַנדערע טעמעס אין ייִדישקייט וואָלט איר געוואָלט לערנען אין אײַער ייִדיש־קלאַס? גיט אָן איינע פֿון זיי, און דערקלערט ווי אַזוי איר וואָלט דאָס געלערנט. למשל: חומש־מעשׂיות, לשון־קודש און זײַן ראָלע אין ייִדיש און ייִדישקייט, תּחינות, מינהגים, ווערטלעך און אויסדרוקן, ווערטער, אָדער אַן אַנדער טעמע.

3. וואָס איז לויט אײַער מיינונג די שײַכות צווישן ייִדיש און ייִדישקייט? באַשרײַבט אײַער פֿילאָסאָפֿיע אין נישט מער ווי איין פּאַראַגראַף.